# שלאַכטן

אין גרויסע הייזער לעבן מענטשן ווי פֿאַרנאַכטן.
איבער זייער קאָפּ הענגט דער הימל מיט ברענענדער געוואַלד.
און אַזיי זייער טרוים (וואָס גליט ביז אונענדלעכקייטן) פֿאַלט,
ווייסט ער: מיר גרויסע הייזער זענען גרויסע שלאַכטן...

אויף גרויסע הייזער פֿאַלט ווי אַן עפּילעפּטיקער דער טאָג.
איבער גרויסע הייזער דעמערט און עס צינדן זיך די דעכער אָן,
אין גרויסע הייזער פֿאַרלירן מענטשן פֿון דער וואָג,
און עס קורטשן זיך די לונגען איין ווי אויפֿן ווינט א פֿאָן.

דאָרט האָבן מענטשן אין די אויגן מענטשעלעך פֿון גלאָז.
זיי שווייגן אַרויף: „גאָט, דו ווייסט, וואָס מיר מיינען“.
און זייער נאַכט שלאָפֿט נישט איין: זי איז אַן איבערגעדרייטער שלאָס...
און זייערע טעג האָבן ווייסע בערד און הוסטן ווי די זקנים.

מיט שטומע בליקן און שטאָלענע, פֿרעמדע, ווי זקנים פֿון אַן אַנדער וועלט
קומען טעג מיט ווייסע בערד און שטעלן זיך אַוועק צוקאָפּנס
פֿון אַ קראַנקן. ער שוידערט אויף, ער כאַפּט און מיט די הענט פֿאַרשטעלט
ער ס׳פּנים, נאָר — וויי — דורך די פֿינגער רינט, רינט די זון ווי ראָפּע...

די זון איז קיין זון נישט: אַרום יעדן חולה טונקלען, רינגלען זיך געשטאַלטן
(אַזוי פֿיל, וויפֿל יאָר עס איז אַוועק),
און וויל מען אַרויס, פֿאַרצוימט זיך דער וועג,
עס בויגן אין צימער זיך צוזאַמען די ווענט,
גלייך ווי זיי וואָלטן צו גאָט זיך געווענדט
און לייגן צונויף אין געבעטן די הענט,
עס בויגן אין צימער זיך צוזאַמען די ווענט...

אין גרויסע הייזער לעבן מענטשן ווי פאַרנאַכטן.

איבער זייער קאָפּ הענגט דער הימל מיט ברענענדער געוואַלד.

און אַז זייער טרוים (וואָס צינדט זיך ביז אומגנדלעכקייטן) פאַלט,

ווייסט ער: מיר גרויסע הייזער זענען גרויסע שלאַכטן.

------------------------------------------------------ ------------------

הײַנט (וואַרשע)

27, נומ׳ 260, נאָוועמבער 16, **1934**, ז׳6